# ראַדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 8 Maja 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ״א אייר תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

עין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 "



# אכטונג! אויטאבוסעז ראדאם=יעדלני אכטונג!

פון 1-ען מאַי הויבען אָן קורסירען סיסטעמאטיש בעקוועמליכע אויטאָבוסען פון דער שטאָדטישער קאָמוניקאַציע
אויף דער ליניע:

## ראדאם—ראיעץ—אנטאניובקע—שיצקי—יעדלני און צוריק

אבפאהר פוז פל. 3-ער מאַי

די פערוואַלטונג פון דער אויטאָבוסן קאָמוניקאַציע
אין ראַדאָם.

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej
panny Tobki Grinsztajnówny z p. Mońkiem Frydmanem
wiele szczęścia życzą
Henryk, Wiktor i Wolf B-cia Grinsztajn

## די בּרויעריי „נעקטאַר" אין ראדאם

וואַהל 45, טעלעפ. 55.

עמפּפעהלט פאָלגענדע ביערען:

**Marcowe** (העל) typu Dortmundzkiego
**Eksportowe Nektar** (העל)
— typu Pilzeńskiego —
**Staropolskie** (טונקעל)
— typu Staropolskiego —

## וויכטיג פאַר פיינשמעקער

די בעסטע און פייַנסטע **לעמאַניאַדען** זענען נאָר פון דער פירמע **„MINERAL"**

די לעמאַניאַדען ווערען אויסגעאַרבייט פון נאטירליכע פרוכטען אין זייער חעמישען צוזאמענשטעל געפינען זיך אויך פערדייאונגס-מיטלען.

——— אין וואָס עס קען זיך יעדער איבערצייגען. ———

די חעמישע לייטונג פון דער פירמע „Mineral" ווערט אָנגעפיהרט דורך א געניטען חעמיקער, וועלכער האָט געאַרבייט
——— אין דער קראָקאווער לאבאראטאָריום. ———

פאָדערט נאָר לעמאָניאַדען פון דער פירמע „Mineral"
מיט אכטונגספאלל

Wytwórnia wód gazowych i lemoniad
„M I N E R A L" w Radomiu
Piaski 28, tel. 335.

אַלע האַנטווערקער שטימען פאַר דער איינציגער האַנטווערקער ליסטע № 3

דער יודישער האַנטווערקער וואַל=קאָמיטעט אין ראָדאָם
אָרדענט איין **שבת** דעם **9 מאַי 2** נ. מ. אין איגענעם לאָקאַל

## א פארוואהל=פערזאמלונג

געווידמעט די קהלה = וואהלען

רעפערירען וועלען די ה״ה פר. מ. קאָטלער, י. י. מאַגנישעווסקי, מ. ראָזענבוים און י. ד. סטראַוטשינסקי.

איינגאַנג פריי פאַר וואהל בערעכטיגטע!

דער וואַהל-קאָמיטעט

## מצבה קריצער ה. ל. העלשטייז
עם שותף

ראדאָם, קאָזשעניצער 18

האָבע געאַרבייט אין וויען, בערלין און אויך אין ארץ-ישראל
נעמט אָן בעשטעלונגען אויף מצבות און אַנדערע אַרבייַט
פון **שטיין** און **מארמאר** צו **ביליגע פרייזען!**

צו פער-דינגען **א גוט געוועלב** אויף דער וואַר-שאווסקע נומ. 2

ערקונדיגען זיך קאָן מען ביי הלל דאמסקי וואַרשאַווסקע 2

# די פראגע פון ברויט און פרנסה.

פון די קרייזען, וואס זענען גוט בעקאנט מיט דער יודישער עמיגראציע אין דער ברייטער וועלט, גיט מען איבער, אז מיטאמאל איז היי-יאהר געפאלען די צאהל יודישע עמיגראנטען, און אויב מען פלעגט אין די פאריגע יאהרען אנצעהלען ביז פערציג טויזענד יודען, וואס פלעגען פון יאהר צו יאהר אויסוואנדערען פון די לענדער אין מזרח-אייראפא און זוכען נייע היימען אין די ווייטעסטע מקומות — וועט מען היי-יאהר אנצעהלען אפשר קוים א העלפט.

בעדייט דאס, אז ביי די יודען אין מזרח-אייראפא איז אפגעשוואכט געווארען די נויטהענדיגקייט אויסצוואנדערען? עס איז אבער קלאר און בעוויסט פאר יעדען איינעם, אז נישט נאר מאסען יודען אין די לענדער האבען ווייטער נישט קיין שום עקאנאמישען באדען אונטער זיך און מוזען נעהמען דעם וואנדער-שטעקען אין האנד, נאר זייער צאהל האט זיך אין לויפענדען יאהר א מגעהויער פיל פערגרעסערט און שטעלט שוין פאר מיט זיך א ריזיגע ארמעי פון רואינירטע און פרנסה-לאזע.

אלזא, נישט די נויטווענדיגקייט אויסצוואנדערען איז אפגעשוואכט געווארען, נאר די מעגליכקייט צו עמיגרירען, עס איז שוין פשוט באלד נישטא וואוהין צו עמיגרירען. אלע ווייטע לענדער האבען זיך ארומגעגרעניצט מיט הויכע שטארקע באריערען פון די פערשידענסטע עמיגראציע-געזעצען, און אין פיל פון די ווייטע אימיגראציע-לענדער הערשט אליין א שארפער קריזיס, און אויסערדעם וואס מען קען שוין באלד נישט אויסגעפינען וואוהין צו עמיגרירען, איז אויך שוין נישטא מיט וואס זיך אוועקצולאזען אין ווייטען וועג אריין. עס האבען זיך שוין אויסגעשעפט די לעצטע מיטלען און אזוי איז עס געקומען צווישען זעהר א גרויסען טייל פון די יודען אין די לענדער פון מזרח-אייראפא צו דעם טרויריגען, אפשרעקענדען צושטאנד, אז אויך פון דעם איינציג פערבליבענעם אויסוועג צו עמיגרירען מוז מען זיך אפזאגען. עס וואקסט אומגעהויער די נויט, עס פערגרעסערט זיך דער חורבן פון יודישע פרנסות, עס רוקט זיך אינגאנצען אוועק דער באדען פון אונטער די פיס. עס פערשטארקט זיך דער יאוש, די פערצווייפלונג — און אהן אנ'אויסוועג.

און וואס טהוט מען דערצו? פארוואס נעהמט מען נישט ערגיץ ארויף אויפ'ן גרינעם טיש די דאזיגע אפשרעקענדע פראגען וועגען די אומגעהויערע וואקסענדע מאסען פון רואינירטע, נויט-ליידענדע, אינגאנצען פרנסה-לאזע יודען אין די לענדער פון מזרח-אייראפא? פארוואס שטעלט מען נישט אוועק אט די ברענענדע פראגע פאר דער ברייטער וועלט?

אומעטום, אין די בעטרעפענדע לענדער אליין איז מען פערטוהן, פערקאכט מיט אייגענער קליינליכער קליי-זעל-פאליטיק, גיט למשל, א קוק, וואס עס טהוט זיך אפ ביי אונז אין פוילען פאר די וואהלען צו די קהלות, ווי מען האט זיך עס דארט פערקאטשעט די ארבעל צו א בלינדען, שעדליכען, אומברענגענדען ברידער-קאמף! עס וועט זיין אזא מלחמה, וואס די וועלט האט עס נאך נישט געזעהן! אזא ווארט איז דארט איצט געפאלען די טעג אויף א צוהיצטער פערזאמלונג, און עס שטעהען אויף פארטייען און פארטייעלעך, אלע יודישע שטעדט און שטעדטלעך זענען ממש פערוואנדעלט אין שלאכט-פעלדער, עס צופלאקערט זיך א אומבעשרייבליכע שנאה. און אויף דעם גיט מען ליידער אוועק די אויפמערקזאמקייט. די מיה, דאס לעצטע ביסעל כוחות. בעת הארט פאר די אויגען שטעהט אזא הארבע פראגע ווי—ברויט, פרנסה, און אזוי זעהט עס אויך ליידער אויס אין אינערליכען יודישען לעבען אין א טייל אנדערע לענדער פון מזרח-אייראפע, און אפשר זענען זיי שוין מיעד געווארען פון טראכטען וועגען זייער גורל, און קאנען שוין גארנישט טראכטען, נישט זעהענדיג על פי רוב קיין שום אויסוועג.

ווער וועט ארויסטראגען פאר דער ברייטער וועלט די גרויסע אפשרעקענדע נויט, וואס איז אומגעהויער געוואקסען אין דער לעצטער צייט אין די לענדער מיט די אלטע געדיכטע יודישע קבוצים? און וואס הויבט מען אן סוף-כל-סוף צו טוהן. בכדי צו לינדערען כאטש א ביסעל אט די מורא'דיגע יודישע נויט?

דאס איז די הארבע, די ברענענדע פראגע, וועלכע וועט מוזען, פריהער ווי שפעטער, אוועקגעשטעלט ווערען אין איהר גאנצען פערנעהם.

א. א.

NOWOCZESNE RADJO-ODBIORNIKI
KRYSZTAŁKOWE i LAMPOWE.
GŁOŚNIKI — SŁUCHAWKI — BATERJE.
Ładowanie i naprawa akumolatorów
i PATEFONY walizkowe i szafkowe.
SPRAWDZANIE, NAPRAWA i PRZERABIANIE RADJO-ODBIORNIKÓW
po cenach bardzo przystępnych.
BIURO RADJOTECHNICZNE
ZENON GARCZYŃSKI
RADOM, ul. Marjacka 12. — Telef. № 318.

# שלמה-יונה וויל ווערען דאזאר.

## (מאנאלאג פון א ראדאמער יוד מיט אלײַטישער בארד און א מטופל מיט טעכטער.)

— הונדערט מיט איינאונצוואנציג יאהר זאל לעבען מיין קאלעגע ר' אריה לייבל, וואס האט אכטונג געגעבען ביי מלכות, אז ביי די יעצטיגע קהלה-וואהלען זאל חל זיין דער פאראגראף 20, וואס דאס הייסט אויף יודיש לשון אזוי: גאלעבראדניקעס, פושעים, ימח שמו'ניקעס, פאשאל וואן, ארויס פון דער קהלה!

יעצט ווייס איך דאך ערשט, אז איך שלמה יונה קען אויך האבען דאס פערגעניגען צו ווערען ביי יודעלעך דאזאר און מ'וועט מיך אויך נאך רופען „פאניע דאזארצא". וואס איז? ס'פאסט מיר נישט? אדרבא, ווייזט מיר א בעסערען קאנדידאט ווי איך אלס דאזאר. און באמת אזוי איך האב דאך אלץ, וואס א היינטיגער דאזאר וועט דארפען האבען און איהר וועט קיין בעסערען פאר מיר בשום אופן נישט געפינען. אגב, וועל איך אייך זאגען, אז איך ווארט שוין לאנג אויף דעם פעקעל, ס'איז דאך פארט נישט שעהן, אז אזא יוד ווי איך מיט א הדרת פנים, מיט א וואשנע בכבוד'יגע לאנגע בארד, מיט א האלב טוץ טעכטער, וואס די יונגסטע פון זיי מעג שוין לאנג הערען שפילען, אט אזא שטייגער יוד, זאל נאך נישט האבען געווען אין דער גמינע קיין דאזאר? פוי, ס'איז נישט שעהן!

א קעגען דעם, וואס איהר זאגט א בארד. זאלט איהר וויסען, אז ס'זענען פארהאן — בערד, נעמט און געהט אויס די גאנצע שטאדט, וועט איהר זעהן, צי איהר וועט געפונען אזא „כלי" ווי מיינע. ווייל איהר מוזט וויסען, אז מיין בארד קומט פון האלז און האט א „פאלאנטשעניע" מיט די ברעמען און אוירען, אז זי איז כשר וישר לויט מיין חבר ר' לייבעלס פאראגראף ארום און ארום — אין דער לענג און ברייט. יא, דאכט זיך מיר, אז דאס וואס כ'בין אין דער פערוואלטונג פון דער „חברה שומרי שבת" וועט מיר אויך נישט קיין שאדען ברענגען צו מיין דאזאריי. וואס נאך ווילט איהר, מקוה? א, מיט דעם זעהט איהר, בין איך איגדערהיים. ס'געהט נישט אדורך א טאג, אז איך זאל נישט זיין קיין יוצא ונכנס אין דער מקוה. ס קאסט מיך אפילו נישט קיין געלד און טעכטער איז ביי אייך א קלייניגקייט? ווי איהר קוקט מיך אן בין איך דער אמת'ער טאטע פון קינדער און כ'קען נישט זאגען „וואו זענען מיינע קינדער"? א חוץ מיין אלטווארג, כ'מיין דאס האלבע טוץ עלטערע טעכטער, האב איך נאך יונגווארג אויך, טא זעהט איהר דאך בעשיינבערלעך, אז איך בין דער ערשטער און בעסטער קאנדידאט צו זיין דאזאר.

און צו מאכען מאושעדקעס אין דער גמינע וועל איך דאך ערשט

# איהר קענט זיי.

די וועהלער וועלען אין איינינע טעג ארום שוין האבען די מעגליכקייט צו וויסען, ווער אלץ האט חשק אייך צו-פערטרעטען און פערזארגען אין קהלה-שטוב. אין איניגע טעג ארום, וועט די וואהל-קאמיסיע שוין בעקאנט מאכען די נעמען פון יעניגע, וועלכע ווילען זיין קהלס בעלי-טובות.

ווי עס איז פאראויסצוזעהן, וועט דאס גרעסטעניש אויף וואהל-ליסטעס ביי אונז אין שטאדט, לגמרי נישט זיין קיין שלעכטס און די אפעטיטען פון די קאנדידאטען נאך פיעל גרעסער. סיי ווי סיי וועט דער אויסוואהל זיין א גרויסער און דער וועהלער וועט האבען וועמען אויסצוקלייבען.

מעהר ווי זיכער, וועלען די אויבענאנס פון די ליסטעס פערנעמען אזעלכע נעמען, וועלכע האבען שוין געלייסטעט אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביעט, און אט די טאקי וועלען ווידער קומען און פערלאנגען צוטרוי צו זיך.

איהר קענט זיי אבער מסתם גוט פון זייערע לייסטונגען טאקי אין אנדערע געזעלשאפטען. זיי האבען זיך טאקי שוין אויסגעארבייט אנ'אטעסטאט פון זייער געזעלשאפטליכע ארבייט און איהר וועט זיי דארפען. מיט אייער וואהל-צעטעל, אקצעפטירען זייער ביז-יעצטיגע טעטיגקייט. מיט'ן אויסוועהלען זיי אין דער נייער קהלה, דריקט איהר זיי אויס צוטרוי און איהר זענט צופרידען מיט זייער טעטיגקייט.

עס וועלען אויך זיין ליסטעס, אויף וועלכע פ'וועלען כלומרשט פיגורירען פערזאנען, וועלכע וועלען גאר וועלען דורכפארסירען אזעלכע מענשען צו דער קהלה-פערוואלטונג, וועלכע זענען אבסאלוט נישט בעגלויבט דער געזעלשאפט, מהאי טעמא טאקי, האט מען זיי נישט ארויסגעשטעלט עפענטליך.

סיי ווי סיי וועט דער אויסוואהל זיין א גרויסער, פערשידענארטיגער און שווערער.

דער וועהלער דארף זיך פריהער אלץ קלאר בעטראכטען און וויסען געווי וועמען?

**מ. ווארשאווסקי.**

# די הויזען האבען איהם פערראטען.

א העכסט-פענסציאנעלע, אבער א אמת'ע געשיכטע האט זיך לעצטענס אבגעשפיעלט אין ראדאם.

אויף איינער פון די היגע אנגעזעהענע גאסען, אין יודישען קווארטאל וואהנט א געוויסער פ. ווי מען ניעט איבער זאל עס זיין א שניידער. דער דאזיגער יוד איז שוין א מענש אין די עלטערע יאהרען, האט א אייגענעם ווארשטאט, איז א קוואליפיצירטער פאכמאן, אבער דער יצר-הרע, ווייזט אויס, איז נאך ביי איהם אויף דער לעהר און האלט זיך ערשט אין ספעציאליזירען. צי דאס איז א מעלה, אדער א חסרון, דאס וועט מען קאנען אורטיילען ווען מ'וועט אייסהערען די גאנצע געשיכטע, וואס מיט ה' פ. האט פאסירט. און פאסירט האט די מעשה היינטיגען ערב פסח.

ס'איז געווען א וואך צוויי ביז פסח. ביים ה' פ. האט זיך געמאכט א ביסעל ארבייט און מ'האט געמוזט אויספערטיגען אלע בעשטעלונגען אויף יום-טוב. ה' פ. האט-דאן געמאכט זיין געזעלען א פארשלאג צוארבייטען פייראנט ד"ה איבער-שעה'ען ביינאכט. דער געזעלען א יונגערמאן ערשט נישט לאנג נאך דער חתונה האט זעהר גערן אויפגענומען די פראפאזיציע פון זיין מייסטער, עלעהיי ער וועט מעהר פערדינען אויף דער יום-טוב וואך ווען די הוצאות זענען גרויס און בעזונדערס דאס היינטיגע יאחר, ווען ער ווערט צום ערשטען מאהל א מלך אויף פסח מיט א אייגען בני-בית.

דער געזעלען האט פלייסיג געארבייט און געוואקסען ממש פון צופרידענהייט וואס דורך זיין גרעסערען פערדיענסט וועט ער קאנען פערשאפען א נחת-רוח זיין יונג-ווייבעל. אבער, ווייזט אויס, אונזער יונגערמאן איז נישט בעשערט געווען צו זיין א מלך און ער האט געמוזט אנטלויפען פון טראהן.

ומעשה שהיה כך היה:

ווען דער געזעלן האט געארבייט אין די שפעטער שעה'ען ביינאכט האט ער בעמערקט, ווי זיין מייסטער ווערט עפעס אלע מאהל א האז און ווערט פערשוואונדען פון שטוב. אין אנפאנג האט ער זיך גארנישט געמאכט דערפון אבער וואס אמאל איז עס איהם אלץ מעהר געקראכען אין קאפ אריין. ער האט נישט געקאנט פערשטיין וואס יעדע נאכט פונקט ווען דער זייגער האט געשלאגען עלף איז דער מייסטער נעלם געווארען מיט א א יסרייד, אז ער האט




איפסניי גוט זיין, כ'האב דאך מיר שוין אפגעלייגט וועגען דעם א גאנצען פלאן, קודם כל וועט מען קובר זיין בחנם, שטעלען טשאלענטער בחנם, סיי ווייבער, סיי מאנסבילען וועלען מעגען טראגען אין שבת. א חוץ דעם האב איך נאך א גאנצע רייהע וואזשנע איפטהוען, פון וואס דער היגער עולם וועט זיין שטארק צופרידען.

הכלל מיין צייט איז געקומען, כ'בין זיכער, אז אלץ וועט שטימען אויף מיר און טאקע וועלען ווייבער אויך האבען שטים-רעכט, האב איך אודאי נישא קיין שום ספק, אז מיין בענקעל איז געזיכערט, וואס דער האט איהר געמיינט ס'איז העקר? מ'וועט אזוי שטענדיג לאזען די פושעי ישראל זיין די מושלים איבער קהל. נישקשה, מיר ווייסען שוין היינט וואו אנצוקלאפען. אנ'אנדערש מאל וואלט אזא יוד ווי איך געקענט אויפלעבען זיינע בינטלען יאהרען און נישט וויסען פון אזעלכע זאכען ווי דאזאריי, היינט אבער ווען מיר האבען מענשען אין סיים און מ'ארבייט אויס א פאראגראף, טא ווער מיר גוטס גינט.

ווער האט א בארד? — שלמה יונה?

ווער געהט אין מקוה? — שלמה יונה!

ווער איז אין שומרי שבת, ווער האט טעכטער? — דוקא שלמה יונה! דעריבער זאג איך, אז הונדערט מיט איינאונצוואנציג יאהר זאל לעבען אריה לייבל, וואס האט צוגעהיטען מלכות, אז אזעלכע יודען ווי איך זאלען האבען די גרעסטע האפנונגען צו ווערען קהלה-מענשען.

דאלאי מיט נאלעבראדניקעס!

ניעך זשיע שלאמא יאנא!

שטימט אלע ווי איינער פאר שלמה יונה'ן וואס וויל און מוז ווערען דאזאר!

**א. פייג.**

# טאג-בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

## ענדליך, ענדליך זענען מיר אריבער קיין פוילען.

ווי איך האב שוין דערצעהלט, איז פונקט אין דעם מאמענט. וואס מיין עלטערע טאכטער איז שוין געווען גרייט א איבערגעטהוענע אין דער אלטער מאריליא'ס קליידער זיך אוועקצולאזען קיין מאסקווא אויספארשען די לאגע, צי מען זוכט אונז און וואו ס'איז ערגיץ פערלוירען געווארען מיין יונגערע טאכטער – גראד אין אט דעם מאמענט, ווי א אויסטערלישער צופאל, איז אומגערעכט פאר אונז אלעמען אריינגעפאלען מיין יונגערע טאכטער. זי איז געקומען פון מאסקווא. זי איז געווען פערשמויבט פון שלעפען זיך אהער אין דארף אריין צו-פיס, פערמאטערט, און אינגאנצען א אויסגעשעפטע פון די כחות. זי איז געווען אזוי מיער און צובראכען, אז ווי נאר זי האט איבערגעטרעטען די שוועל פון אונזער פויערישער כאטע איז זי אוועקפאלען אויף דער ערד זי האט געסאפעט ווי א גאנז און איז נישט בכח געווען אויסצורעדען אפילו איין ווארט.

# 396 קאנדידאטען אויף דאזאר-בענקלעך.

היינטיגע וואך דינסטאג, איז געווען איז געווען דער לעצטער טערמין אריינצוטראגען די קאנדידאטען-ליסטעס פון די פרנסים צו דער נייער געוועהלטער קהלה. אין דעם טאג איז געווען צו בעמערקען א פיבערהאפטע ארבייט ביי אלע גרופירונגען, וואס גרייטען זיך צו דער וואהל-שלאכט. די שעפער פון יעדער ליסטע זענען געווען ווי עלעקטריזירט און מיט גרויס איילעניש האבען זיי געיאגט צו אויסצופערטיגען די ליסטעס כדי נישט פערשפעטיגען אריינצוטראגען זיי ביז צוויי א זייגער נ. מ.

בסך הכל זענען אריינגעטראגען געווארען נישט מעהר און נישט ווינציגער ווי עלף ליסטעס. זיי זענען: ליסטע נומער 1, וואס נעמט ארום די פארשטעדט דזשערשקאוו, גליניצע, פיאסקי. שטעלט ארויס פאלגענדע קאנדידאטען: יאנאס רובינשטיין (אינדוסטריעלער), איטשע ריבא, יוסף זיידענבערג, מרדכי טייטעלבוים, יעקב מענדיל מרגליות, נתן דוד פריידענרייך א. אנד. ליסטע נומער 2 וועלכע געהערט דעם אלגעמיינעם וואלקאמיטעט פון די רעליגיעזע יודען צוזאמען מיט דער „אגודה" געהט מיט פאלגענדע קאנדידאטען: אברהם'טשעל פעריל, מאטעל אייזמאן, שמעריל קארמאן, בנימין הארוויטש, חיים ניימאן, איטשע מרגליות, מרדכי קלארפעלד, נח פשעדנאוועק, שמואל באקמאן, אברהם סאפירשטיין, משה'לע אייזענבערג, הענעך ראזענבוים, משה אלעזור בערגער א. אנר.

ליסטע נומער 3 ראדאמער יודישער האנדווערקער-קלוב, שטעלט ארויס פאלגענדע קאנדידאטען: שמואל איידעלבוים, שלמה פישמאן, משה ראזענבוים, יחיאל ישעי' רוטמאן, שמואל חיים בערקאוויטש, ישראל פעלדמאן א. אנד. ליסטע נומ. 4, וועלכע טראגט דעם נאמען פעראייניגונג פון רעליגיעזע יודען אין ראדאם. די אזוי גערופענע „עדת ישראל" מיט'ן „מזרחי" געהען מיט פאלגענדע קאנדידאטען: מתתיהו קאפער, יאסעל גרין, דוד מעדאליאן, בן-ציון מינצבערג, דוד סאחע, יונה זילבערבערג, א. א. ליסטע נומ. 5 פועלי-ציון: דוד סטודניע, גבריאל וויסמאן, מארעק פינקעלשטיין, ישראל צווייגענבערג. ליסטע נומ. 6 געהערט צו די פעראייניגטא ציוניסטישע ליסטע אויף וועלכער עס קאנדידירען: ישראל דיאמענט, משה ראטענבערג, ד"ר פאסטמאן, יודעל קויפמאן, שמואל צוקער, משה באקמאן א. א. ליסטע נומ. 7, אין די ליסטע פון יעדלינסק, סקארזשעוו און עטליכע בתי מדרשים פון ראדאם שטעלען ארויס פאלגענדע קאנדידאטען: לייביש מענדעל זילבערשטיין, שלמה ווינגאלד פון סקארזשעוו, שלום פישמאן פון יעדלינסק, שמעלקי לאנדא (דענ'ס בית מדרש), יצחק ראזענבערג (זשאביע גאס).

ליסטע נומ. 8 נאציאנאלע ציוניסטען אין ראדאם: יחיאל פרענקעל, משה ראטענבערג, ד"ר פאסטמאן, מ. ל. פישמאן, מאיר גראנעק א. א. ליסטע נומ. 9 עקזיסטירט נישט צוליב דער עהנליכקייט צום נומ. 6. ליסטע נומ. 10 פועלי אגודת ישראל: יצחק זילבערשטיין, מאטיל פשיטיצקי, חיים פנחס פשעמיסלאוו א. א. ליסטע נומ. 11 דעמאקראטישע גרופירונג: מאטעל צמח, אליעזר בערקאוויטש, מרדכי דען, אברהם ווייספוס, אשכנזאי, אברהם שטעלמאן, אלעקסאנדער קאמינער, אלעקסאנדער לאקס, אברהם פוקס, משהווישליצקי, איטשע וויצהענדלער א. א. ליסטע נומ. 12 קאמיטעט פון אונפארטייאישע אידען אין ראדאם: ה. א. גאלדבלום, מרדכי הירשזאהן, ישראל האלצקענער, מיכאל זיידמאן, אלי' טענענבוים, אלי' קארטמאן, לוי שטיינבאק, משה איטשע הארוויטש, חיים גאלדבערג, מענדעל שטיינבאק א. א.

יעדער ליסטע דארף ווי בעוויסט פארשטעלען 18 קאנדידאטען מיט 18 פערטרעטער. לויט דער צאל ליסטעס קומט ממילא אויס צוזאמען א מספר פון 396 יודען וואס האבען שטארק חשק צום דאזאר-בענקעל.

# פייערליכע ערעפנונג פון ארץ-ישראל-באזאר.

דער ארץ-ישראל באזאר איינגעארדענט דארכ'ן פרויען-קרייז איז געעפענט געווארען היינטיגען דינסטאג אין סוחרים פעראיין. די ערעפנונג איז אויסגעפאלען פייערליך. און ס'האט זיך אין איהר בעטייליגט א גרויסער עולם.

אלע שטובען פון סוחרים פעראיין און אויך פיעל זייטיגע צימערן זענען הערליך דעקארירט אין מאכען מיט זייער פיעלפארביגקייט אין איינארדנונג דעם איינדרוק פון א שיינער אויסשטעלונג ס זענען פונאנדערגעשטעלט פערשידענע קיאסקען פון דעליקאטעסען, קאנפעקציאן פערפומעריע אין ארץ ישראל אויסארבייטונגען.

אויף דער ערעפנונג האבען געהאלטען רעדעס: פרוי. ד"ר לעווין. פראפ. מושקאבליט אין מ.ל.פישמאן

דער באזאר פערדיענט אז די ראדאמער יודישע בעפעלקערונג זאל איהם צאלרייך בעזוכען.

# אויטאבוסען-קאמוניקאציע צווישען ראדאם מיט די ארומיגע דאטשע-ערטער.

די נייע שטאדטישע אויטאבוסען-דירעקציע וועלכער האט לעצטענס רעארגאניזירט דעם אויטאבוסען-פערקעהר אין שטאדט האט פון 1-טען מאי אן ארויסגעלאזט אויטאבוסען אויף דער שטרעקע: ראדאם — דאיעץ — אנטאניוווקע — שיצקי — יעדלני. צוליב דעם וואס די דערמאנטע ערטער זענען בעוואוינט אין זומער פון דער היגער בעפעלקערונג, איז א ביליגער און בעקוועמער צופאהר מיט די אויטאבוסען ממש א נויטווענדיגקייט. און די דירעקציע פערדיענט דערפאר אנערקענונג. די דאזיגע קאמוניקאציע איז א טובה אויך פאר די וואס פאהרען נישט אויף דאטשע, און וואס ווילען דאך גענויסען נאך זייער ארבייט פון א ביסעל פרישער לופט אויף דער שויס פון דער נאטור זיי העלען דאס קאנען דערגרייכען, ארויספאהרענדיג פאר גראשענס אויף די אויטאבוסען אויף די דערמאנטע דאטשע-ערטער.

BARDZO DUŻO OSÓB POLEPSZYŁO SWOJE ZDROWIE I TAKOWE UTRZYMUJE PRZEZ UŻYWANIE PARYSKICH PIGUŁEK PRZE-CZYSZCZAJĄCYCH
D-RA KOWENA
(Dr CAUVIN)
OCZYSZCZAJĄ KREW i REGULUJĄ CZYNNOŚCI KISZEK - ZAWSZE PRZYNOSZĄ ULGĘ
PIGUŁKI KOWENA
SĄ DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH
OSTRZEGA SIĘ PRZED NAŚLADOWNICTWEM

GARBATKA
PENSJONAT
L. Rozenbergowej
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.
Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.
**Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.**
Przez miesiące MAJ, CZERWIEC pokoje dla dorosłych.
Ceny przystępne.

ענגליש
איבערזעצונגען פון ענגליש
ענגלישע און פוילישע האנדעלס-קארעספאנדענץ
ערשטקלאסיג — מייסטערהאפט
ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2
אין די שעהן 9—7 פריה אין אווענד.

— די — שענסטע
טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

# קעלצער אבטיילונג.

## פון קעלצער וואהל = פראנט.

### 12 ליסטעס אין גאנצן נאך די 14 מאנדאטען צום קהלה ראט.

אונזער פאראויסזאגונג וועגען דער צאהל ליסטעס צו די קהלה-וואהלען אין קעלץ, האט זיך גענוי בעשטעטיגט.

ביי די איצטיגע וואהלען וועלען אין קעלץ פיגורירען 12 ליסטעס. די צע-שפליטערונג איז באמת זעהר גרויס. אפילו גרופען, אדער יחידים, וואס האבען נישט די מינדעסטע אויסזיכט דורכצופיהרען כאטש איין מאנדאט, זענען אויך געקומען אויף דער חתונה און לאזען זיך אין גאנצן נאך א בענקעל.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, איז נאך פאריגע וואך אריינגעטראגען גע-ווארען איניגע ליסטעס. די ערשטע ליסטע, וואס איז אריינגעטראגען גע-ווארען דורך ה' ראדאל, און וואס האט בעקומען דעם נומער 1, איז גע'פסל'ט געווארען, ווייל די ליסטע איז געוועזן א פיקטיווע.

די ליסטע נומער 2 האט בעקומען דער

#### אונפארטייאישער ווירטשאפט-ליכער בלאק.

בראש פון דער דאזיגער ליסטע שטע-הען די ה"ה: ד"ר לעווינזאן, לעאן רייזמאן און העשיל ראזענקראנץ.

די ליסטע נומער 3 האט בעקומען די

#### פועלי-אגודת-ישראל.

אויף דער ליסטע פיגורירט דער ערשטער ה' שלמה פייגענבלאט. אויף וועלכע שטימען די דאזיגע ליסטע שטיצט זיך, איז א רעטעניש, אין דער צייט ווען אין דער גאנצער ארגאני-זאציע זענען פערהאן העכסטענס 10 וואהל-בערעכטיגטע מיטגלידער.

די ליסטע 4 האט בעקומען דער בלאק פון

#### די כענטשינער חסידים

מיט ה' משה שטערנפעלד אויפ'ן ערשטען ארט.

#### דער האנדווערקער-פעראיין

האט בעקומען דעם נומער 5.

אויף די ערשטע ערטער פון דער האנדווערקער ליסטע פיגורירען די ה"ה: פרעזעס גוטמאן, ש. לייכטער און ב. לאקס. די ליסטע איז טעכניש בלאקירט מיט ציוניסטיש-מזרחי'סטישע.

די לינקע פועלי-ציון האבען נישט בעוויזען אויסצוכאפען זייער טראדיצ-יאנעל פינפטעל און האבען שוין נע-מראפען צום נומער 6. אויף זייער ליסטע פיגורירט א געוויסער ה' אפעל.

דער בלאק פון די

#### ראדאמסקער און אלעקסאנדער חסידים

האט בעקומען דעם נומער 7.

דער ערשטער פיגורירט ה' ברוך קאכען.

#### די אגודה

איז געקרוינט געווארען מיט'ן נומער 8.

די ערשטע קאנדידאטען פון דער אגודה-ליסטע זענען די ה"ה: העניך קאמינער, בנימין לעוו און משה איי-זענבערג,

ווי מיר דערוואוסען זיך, האט מען אין גערער שטיבעל גע'אסר'ט דריסת-הרגל די אלע, וואס וועלען שטימען אויף דער ליסטע פון די פועלים, אדער אויף דער ליסטע נומער 10 פון ה' י. פישמאן, וועלכער האט זיך אבגע-טיילט פון זיין פארטיי און ארויסגע-שטעלט א אייגענע ליסטע.

#### די רעליגיעזע חסידים

האבען בעקומען דעם נומער 11. דער ערשטער קאנדידאט איז — ה' אברהמ'-טשע פיאטרקאווסקי.

#### דער נאציאנאל-רעליגיעזער וואהל-בלאק

פון די ציוניסטישע און מזרחי'סטישע גרופירונגען, האט בעקומען דעם נו-מער 12.

אויף די ערשטע ערטער פון דער ליסטע פיגורירען די ה"ה: דוד ראזענ-בערג, אברהם בער אייזענבערג, יצחק קירשענבוים, נחמי' קייזער און ד"ר שאטץ.

מיט'ן נומער 13 איז בעצייכענט גע-ווארען די ליסטע פון די דעמאקראטי-שע האנדווערקער מיט ה' סטראוטשינ-סקי בראש.

דעם לעצטען נומער - 14 האט בעקומען די ליסטע פון ה' יוסף קאהן.

———

זונטאג, דעם 10-טען ה, ח. קומט פאר אין קיעלץ א קרייז-קאנפערענץ פון די ציוניסטישע וואהל-קאמיטעטען אין קיעלצער קרייז. עס זענען איינגע-לאדען געווארען העכער 30 שטעדט. מצד דעם ציוניסטישען צ. ק. בעטיילי-גען זיך אויך אין דער קאנפערענץ די ה"ה: רעד. גראוויצקי, י. גאלדשטיין און נ. אש.

## די קעלצער וואיעוואודזטווא ווערט ליקווידירט!

ווי מיר דערוויסען זיך פון זיכערע קוועלען, האט דער מיניסטארען-ראט בעשלאסען ענדג'לטיג צו ליקווידירען צווישען אנדערע, אויך די קיעלצער וואיעוואודזטווע. דער ענין וועט נאך בעטראכט ווערען אויף דער נאהנטסטער סיים-סעסיע און דאן וועט דער בעשלוס בעשטעטיגט ווערען.

מיר מאכען אויפמערקזאם. אז מיר גיבען נישט די ידיעה אויפ'ן סמך פון די קלאנגען נאר זייענדיג אינפארמירט פון בעגלויבטע קוועלען.

עס ליעגט א דרינגענדער חוב אויף די יודישע סוחרים און האנדווערקער אין קיעלץ עפעס צו טהוען אין דער זאך און קעגענשטעלען זיך דעם פרוב צו רואינירען אונזער שטאדט, ווייל דאס ליקווידירען די וואיעוואודזטווע בעדייט א קאטאסטראפע פאר'ן מסחר און האנדהערקעריי אין קיעלץ.

עס איז איצט א צייט פון וואהלען, ווען דער געפילדער און קאמף איז גרויס. אלע פראגען ברויכען אבער אבגעדויקט ווערען אין א זייט און עס מוזען אנגענומען ווערען שריט נישט צו דערלאזען צו דעם דערמאנטען.




לרגלי אירושי חברנו
שמעון רוזנבלט את העלמה רבקה צוקר
הננו מאחלים להם ברכת מזל-טוב.
תהי צעדם הראשון על מפתן החיים מוכתר בהצלחה ובכל טוב.
קילצה. חניך גולדברג וישכר גרטלר.

בברכת מזל-טוב לבבית אנו מברכים את חברנו
שמעון רוזנבלט לארושי את בחירתו רבקה צוקר
תהי אגודתם אגידת נצח ואשר אין קץ.
קילצה צבי גרטלר, דוד ארליך, משה גרינשפן.

+ PRIMEROS +
!? פרעזערוואטיווען ?!
איז די בעסטע
מאכט נישט קיין עקספערימענטען מיט אייער געזונד. לאזט אייך נישט אברעדען צו בענוצען אנדערע.
„פרימעראס"
דאס איז א אלט-אויסגעפרובירטע מארקע פון צעהנדליגער יאהרען.




Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy.

